# אַ קריינדל

**האָט** גענומען משה גראָס און האָט, ווי זיין שטיי־גער איז, אָנגעשריבן אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט, ווי זיין שטייגער איז, איבערגעחזרט דאָס, וואָס ער האָט שוין, ווי זיין שטייגער איז, געהאַט איבערגעחזרט.

דערציילט ער דאָרטן אַ מעשה וועגן אַ גאַנצער פּלעיאַדע, וואָס גיט אַרויס פון זיך אַ קאָמונאַלע דור־דיכטונג, און וועגן דער גייסטיקער גע־ונדקייט פון דער יידישער ליטעראַטור און אַזוי ווייטער און ווייטער.

איז עס אַ גאַנץ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע, וועלכע איז, אָבער, אַביסעלע צו־לאַנג, ווייל די אַלע זאַכן ווייס מען שוין לאַנג און ווייל די פּלעיאַדע איז שוין לאַנג (אין אונדזערע צייטן הייסט עס שוין לאַנג) אויס פּלעיאַדע, און צוליב דעם טאַקע לוינט נישט דערויף אָוועקצולייגן אַזוי פיל טענות, און צוליב דעם טאַקע האָב איך וועגן דעם זייער ווייניק גערעדט, אָבער פון דעם ביסעלע, וואָס איך האָב יאָ גערעדט, האָט יעדער איינער גאַנץ לייכט געקענט אַרויסזען, אַז איך גיי נישט קיינעם פּאַרטיידיקן, און אַז איך גופא האָב נישט קיין יצר־הרע צו ווערן ווען־עס־איז אַ פּלעיאַדעיאַנער.

איז מיר טאַקע געווען קשהדיק: וואָסער שייכות האָט דאָס אַלץ אַהער, און צו וואָס דערציילט דאָס מיר משה גראָס?

ביז... ביז... ביז איך בין ענדלעך געוואויר געוואָרן, וואָס ער מיינט. און געוואויר ווערנדיק, אַז דאָס אַלץ איז ביי אים אַ טפל, אַז דער עיקר מיינט ער גאָר עפּעס אַנדערש — איז דאָס אַנדערשדיקע

געווען פאַר מיר אַן אַנגענעמער סיורפריז און איך פיל מיך פאַר־פליכטעט אים צו דאַנקען.

איך האָב געהאַט אַרויסגעשטעלט אַ ריי טענות צו קריקיטער, טענות אומפאַרטייאישע, אָביעקטיווע (נאַטירלעך ווי ווייט ס'איז מעגלעך אין עסטעטישע פּראָבלעמען צו זיין אָביעקטיוו). איך האָב זיך באַ־מיט אויף פאַרשיידענע אופנים זיי צו אַרגומענטירן. האָט מיר, אָבער, צוגעפּעלט נאָך איינאיינציקער אַרגומענט. דער בעסטער, דער לע־בעדיקסטער. עס האָט געפעלט, עס זאָל קומען איינער און זאָגן: זעסט, ברודערל, איך פאַרנעם זיך צייטנווייז מיט קריטיק, — זאָג איך דיר, אַז דו ביסט פאָלקאָם גערעכט.

האָב איך געוואַרט. ביז גאָט האָט געהאָלפן, איך האָב מיך דער־וואַרט. עס איז געקומען משה גראָס.

און ער האָט אַזוי אַ זונג געטאָן: אויס!! געפּטרט! אַן עק זאָל עס האָבן, אַ סוף זאָל עס נעמען! נעמט אַראָפּ פון טיש אייער גאוך, משטיינסגעזאָגט! נידער מיט פּרצן!

וואָס באַגייסטערט איר זיך אַזוי מיט איינעם עפּעס דאַרטן אַ י. ל. פּרץ? וואָס געפינט איר ביי אים אַזעלכעס?

וואָס נאָר עפּעס, וואַרפט איר בליקן צו פּרצן, זוכט איר אַ גרויסע פּערזענלעכקייט אין דער יידישער ליטעראַטור, — שרייבט איר אַרטיקלען: וואו איז פּרץ? איר אָרדנט־איין דיסקוסיעס: צי איז אונדזער ליטעראַטור אַוועק ווייטער פון פּרצן? איר ברעכט זיך די קעפּ, איר ווילט דווקא וויסן: וואָס וואָלט היינט געזאָגט י. ל. פּרץ:

אַ, טפּשים, פּוסטע מוחות. בהמות בצורת אדם! וואָס אַנטציקט איר זיך מיט פּרצן? ווער איז ער דען? אָט דער גאַנצער י. ל. פּרץ איז דאָך בסך הכל אַ בטלן, אַ דרשן, אַ רעטאָריק, אַ שלימזלניק, אַ פּעליעטאָניסטל.

רבותי! איך בין אייך מתרה מיט גוטן, איר זאָלט אייך בעסער אויפהערן צו פּרייען מיט פּרצן, וואָרים אַז נישט — — —

אָט אַזוי, אומגעפער, האָט אַ ליאַרעם געטאָן מ. גראָס.

דער עולם האָט זיך אַנגעהויבן אַרומקוקן. מען איז געוואָרן נבהל

ונשתומם. אַ מענטש סטראַשעט — װער װײס װאָס ער קען נאָך אָפּטאָן?

נאָר דאָ האָט משה גראָס אַראָפּגענומען די גרױסע ברילן, זײ גוט אױסגעװישט, און, מעשה װײַנער יונגערמאַן זײער װײנעריש זיך צע־שמײכלט און אַזױ געזאָגט:

נו מײַנע הערן! װי געפעלט אײַך עפּעס דאָס שפּיצל, װאָס איך האָב דאָ אָפּגעאַרבעט? — װאָס? איר פאַרשטײט נאָך אַלץ נישט מײַן כּוונה? אָט זעט אָקאָרשט:

אױב איך, אַ מענטש, װעלכער האָט דעם כּבוד צו הײסן משה גראָס, אױב מײַן באַנעמונג װעגן דעם מעכטיקסטן ייִדישן קלאַסיקער איז אַזאַ אַלזײטיקע און איפּבױיעריש־געדאַנקענדיקע (אַ, מײַנע געדאַנקען...) אױב מײַן אָפּשאַצונג װעגן פּרצן איז אַזאַ פײַן־געשניצ־טע און גליקלעך־געטראָפענע (אַ, װי איך טרעף!), טאָ צי איז נישט שטערן גערעכט, אַז אַזעלכע חברה־לײַט פאַרדינען, מען זאָל זײ אָנטאָן אַ קרױן?

ערשט איצט האָט מען זיך געכאַפּט װאָס גראָס איז אױסן. דער עולם האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך ביסלעכװײַז באַרואיקט, נאָך אַ מאָל איבערגעלײענט די אַרטיקלען און באַשלאָסן:

יאָ, משה גראָס איז גאַנץ גערעכט: אודאי איז שטערן גערעכט.

און װײַל, משה גראָס, איר האָט מיר געמאַכט אַן אַנגענעמען סיורפּריז — געפינט איך פאַר מײַן חוב אײַך עפנטלעך אױסצודריקן מײַן האַרציקסטן דאַנק.